**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/20/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 38 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער צו גיבן א שטוף פאר ניו יארקע פארמערס און ברענגען מער לאקאלע עסנוואג צו קאמיוניטיס און סקולס**

***USDA'ס קאאפעראטיווע אפמאכן וועלן ארויסהעלפן ניו יארקע פארמערס און עסנווארג פראדוצירער און וועלן פארשטערקערן פארם-צו-סקול פראגראמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפארטמענט (U.S. Department of Agriculture, USDA) האט געשאנקען כמעט 38 מיליאן דאלאר פאר די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets, AGM) און פאר די ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט (State Education Department, SED) צו נאך מער פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק'ס עסנווארג סיסטעם דורכן גיבן א שטוף פאר ניו יארקע פארמערס און פארמערן די צוטריט צו לאקאלע עסנווארג. די געלטער וועלן שאפן נייע געלעגנהייטן צו איינקויפן עסנווארג וואס איז געוואקסן אדער פראדוצירט געווארן לאקאל כדי צו שטיצן ניו יארקע פארמערס, אריינרעכענענדיג די וועלכע האבן אין די פארגאנגענהייט באקומען וויניגער סערוויסעס און צו דיסטריביוטען די פראדוקטן צו קאמיוניטיס וואו עס זענען דא ארימערע מענטשן און צו ניו יארקע סקולס.

"די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס און די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט האבן געשפילט קריטישע ראלעס צו אנטוויקלען שטארקע קשרים צווישן לאקאלע פארמערס און צווישן די קאמיוניטיס וועם זיי דינען פון וועלכע ביידע זייטן קומען ארויס מיט פארדינסט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פראגראמען שטעלן צו קריטישע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר פארמערס און פראדוצירער בשעת'ן אויך גיבן פאר סקול קינדער און באפעלקערונגען וועלכע האבן נישט גענוג סערוויסעס צוטריט צו לאקאל געוואקסענע, פרישע, געזונטע און נארהאפטיגע עסנווארג. די שותפות און די צוגעקומענע פינאנצירונג בויען אויף אונזערע פילע ערפאלגרייכע סטעיט פראגראמען וועלכע טוהען נישט נאר העלפן גיבן א שטוף פאראויס פאר אונזערע פארמערס און צו פיטערן אונזערע פאמיליעס, נאר זיי העלפן אויך פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס עסנווארג סופליי טשעין."

USDA אונטער-סעקרעטארשע פאר מארקעטינג און רעגולאטארישע פראגראמען, דזשעני לעסטער מאפיט, האט זיך אנגעשלאסן מיט ניו יארק דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער, ריטשארד א. באל, און מיט סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט קאמישאנער, בעטי א. ראָזע, היינט ביי די הויפטשטאט ראיאן BOCES קאריערע און טעכנישע בילדונג צענטער (Career &Technical Education Center) צו פייערן צוויי 'קאאפעראטיווע אפמאכן': דער 'לאקאלע עסנווארג איינקויפונג הילף קאאפעראטיווע אפמאך' (Local Food Purchase Assistance Cooperative Agreemen, LFPA) פראגראם דורך די AGM; און דער 'לאקאלע עסנווארג פאר סקולס' (Local Food for Schools, LFS) קאפעראטיווע אפמאך פראגראם דורך די SED.

**פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפּארטמענט אונטער-סעקרעטארשע, דזשעני לעסטער מאפיט, האט געזאגט,** "די USDA איז באגייסטערט אריינצוגיין אין א שותפות מיט ניו יארק צו אונטערשטיצן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר פארמערס און ענסווארג פראדוצירער און צו פארמערן צוטריט צו לאקאל-געוואקסענע, פרישע, געזונטע און נארהאפטיגע עסנווארג אין שוואכערע קאמיוניטיס און אין סקולס. די קאאפעראטיווע אפמאכן וועלכע זענען עררייכט געווארן אונטער די פראגראמען וועלן פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון עסן און אגריקולטורישע סופליי טשעינס און פארמערן לאקאלע עסנווארג באנוץ ארום די לאנד."

די AGM האט געשאנקען 25.8 מיליאן דאלאר דורך די LFPA צו איינפירן דעם 'ניו יארקע עסן פאר ניו יארקע פאמיליעס' (New York Food for New York Families) פראגראם צו שאפן א שטערקערע עסנווארג סיסטעם איבערן סטעיט וואס שטיצט לאקאלע פארמס און שטעלט צו נארהאפטיגע עסנווארג פון א הויכע קוואליטעט פאר קאמיוניטיס וועלכע פארמעסטן זיך מיט עסנווארג אומזיכערהייט. דאס איינקויפן עסנווארג וועט שטיצן לאקאלע פארמערס וועלכע זענען היסטאריש געווען שוואכער דורכן בויען און פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן און שאפן נייע מארקעטינג מיטלען פאר זיי אין די סטעיט, בשעת'ן פארזיכערן אז לאקאלע עסנווארג קומט אן צו ניו יארקע פאמיליעס וועלכע זענען אין נויט.

דער LFS פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך די SED וועט באקומען כמעט 12 מיליאן דאלאר צו פארטיילן פאר סקולס מיט נאך מיטלען צו קענען איינקויפן לאקאלע און ראיאנישע עסנווארג און געטראנקען צו סערווירן פאר קינדער דורכאויס די סקול טאג דורך די נאציאנאלע סקול מיטאג און סקול פרישטאג פראגראמען. די געזונטע און אייגנארטיגע פראדוקטן וועלן פארזעצן די סטעיט'ס ציהל צו פארבעסערן די דיעטע פון קינדער בשעת'ן בויען נייע קשרים צווישן סקולס און לאקאלע פארמערס.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ פון ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צו פארשטערקערן אונזער עסן סיסטעם און ברענגען געזונטע, לאקאלע עסנווארג פאר שוואכערע קאמיוניטיס, בשעת'ן ברענגען עקאנאמישע בענעפיטן פאר פארמערס ארום ניו יארק. עס דערפריידט אונז זייער צו באקומען כמעט 26 מיליאן דאלאר דורך די USDA'ס LFPA גרענט פראגראם וואס וועט אונז ערלויבן צו בויען אויף די עררייכונגען און באדייטנד פארמערן אונזער מעגליכקייט צו אנקומען צו פארמערס און צו פאמיליעס אין נויט אין יעדע ווינקל פון אונזער סטעיט."

**ניו יארק סטעיט-באורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר, לעסטער וו. יאנג, דזשוניאר, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארמס און עסנווארג פראדוצירער געפונען זיך אין די הארץ פונעם זיכער מאכן אז סקול קינדער האבן געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג וואס זיי דארפן האבן צו קענען שטיצן זייער לערנען און אנטוויקלונג. צוזאמען מיט אונזערע איסערגעווענטליכע קינדער נערונג שותפים איבערן סטעיט און אין די USDA, זעצן מיר פאר צו וואקסן און פארשטערקערן אונזערע נעטווארקס צו צושטעלן געזונטע ניו יארקע עסן פאר סקול קינדער כדי זיי זאלן האבן צוטריט צו די זעטיגע מאלצייטן וואס זיי דארפן יעדן טאג."

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפּארטמענט קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "סקולס זענען אן ארייגעבויטע חלק אין יעדע קאמיוניטי אין אונזער פארשידנארטיגע סטעיט, און מיר שטרעבן צו בויען טיפע קשרים מיט עסנווארג און פארמינג. איך בין גאר באגייסטערט אז די דעפּארטמענט'ס קינדער נערונג איינגעשטעלטע ארבעטן פלייסיג צו פאראויס רוקן די שותפות און אז זיי וועלן זיין א הויפט טייל פון די וויכטיגע קאאפעראציע צווישן דיסטריקטס, ניו יארק'ס וואונדערבארע פארמס און עסן פראדוצירער און פראצעסירער וועלכע האבן היסטאריש נישט באקומען גענוג סערוויסעס. די געמיינזאמע באמיאונגען וועלן רעזולטירן אין געזונטערע, פרייליכערע סקול קינדער וועלכע זענען בעסער צוגעגרייט צו קענען בליהען אין סקול."

**הויפטשטאט ראיאן BOCES צייטווייליגע דיסטריקט סופּעראינטענדענט, לאורען געמיל, האט געזאגט,** "פון אונזערע קאכן פראגראמען פאר סקול קינדער ביז אונזערע מיטגעטיילטע עסן סערוויס פאר סקול דיסטריקטס — זוכט הויפטשטאט ראיאן BOCES כסדר פאר וועגן וויאזוי צו פארגרינגערן די צוטריט צו לאקאלע עסנווארג אין סקולס. אזוי ווי מיר זוכן וועגן צו בויען קשרים מיט פארמערס און צו זיכער מאכן אז אונזערע סקול קינדער האבן נארהאפטיגע מאלצייטן צוגעשטעלט פאר זיי, זענען מיר דאנקבאר פאר די שטיצע פון אונזערע סטעיט און פעדעראלע פירער."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "ניו יארק איז א היים פאר איבער 30,000 פארמערס וועלכע דארפן דרינגנדע און דירעקטע הילף צו קענען אויפהאלטן זייערע אפעראציעס אין די צייט וואס זיי ראנגלען זיך מיט פינאנציעלע שוועריגקייטן וועלכע זענען פאראורזאכט געווארן דורך די פאנדעמיע. אלץ א מיטגלידערין פון די סענאט אגריקולטור קאמיטע, בין איך שטאלץ צו האבן געהאלפן שתדל'ן פאר און פארזיכערן די 38 מיליאן דאלאר וועלכע וועלן העלפן האלטן אונזערע פארמס אפן און געזונט, לאקאלע עסן אויפן טיש אינדערהיים און אין סקול."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָו עספּאַיאַט האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן גאווערנער האקול פאר די היינטיגע אנאנס צו שטיצן ניו יארקע פארמערס בשעת'ן פארזיכערן אז סקולס און קאמיוניטיס באקומען עסנווארג פון לאקאלע פראדוצירער. אין די זעלבע צייט וואס מיר פארשטערקערן עסנווארג גלייכקייט דורך לאקאל-געוואקסענע פראדוקטן, קענען מיר פאראויס שטופן אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן עסנווארג אומזיכערהייט אריבער ניו יארק סטעיט, באזארגנדיג אונזערע פאמיליעס און קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט."

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מאיער האט געזאגט,** "אלע סקול קינדער לערנען די בעסטע ווען זיי באקומען די ערנערונג וואס זיי דארפן. די געלטער וועלן ערלויבן ניו יארק צו פארזעצן צו בויען בריקן צווישן אונזערע לאקאלע פארמער און אונזערע סקולס. א דאנק צו די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפּארטמענט; גאווערנער קעטי האקול; דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער, ריטשארד א. באל; באָורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר, לעסטער וו. יאנג, דזשוניאר; און פאר סטעיט עדזשוקעישען קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, פאר זייער שותפות אין די באמיאונג."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "פארברייטערן צוטריט צו געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג פאר אלע ניו יארקער בשעת'ן בויען נייע מארקעטס צו אונטערשטיצן פארם ביזנעסער איז א קריטישע פריאריטעט פאר אונזער סטעיט, און עס איז אזוי וויכטיג אז מיר זאלן האבן שטיצע אויף די פראנט אויף יעדע שטאפל פון רעגירונג. אזוי ווי מיר זעצן פאר אונזער ארבעט צו זיכער מאכן אז אונזערע היימיש-געוואקסענע עסנווארג סופּליי איז צוגענגליך פאר אלע קינדער און פאמיליעס אריבער ניו יארק, וועט די פעדעראלע פינאנצירונג זיין גאר נוצבאר צו מאכן שפראצן נייע קשרים צווישן סקולס, פארמס און שוואכערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "א דאנק פאר די USDA פארן שטיצן ניו יארק'ס וויכטיגע לאקאלע עסנווארג פראדוקציע אינציאטיוון. מיר די געלטער קענען מיר צושטעלן אפילו מער פרישע, לאקאל-געוואקסענע און נארהאפטיגע פראדוקטן פאר אונזערע סקול קינדער און פאר ניו יארקער וועלכע גייען אריבער עסנווארג אומזיכערהייט. עס וועט אויך זיין א גרויסע שטופ פאראויס פאר אונזערע פארמערס, פארשטערקערנדיג אונזער עסן סופּליי טשעין און אלגעמיינע אגריקולטורישע עקאנאמיע."

די היינטיגע אנאנסן בויען ארויף אויף די סטעיט'ס לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט צו די קאמף קעגן הונגער. די סטעיט איז ארויסגעקומען מיט עטליכע היסטארישע פראגראמען אין די לעצטיגע יארן צו

פארבעסערן צוטריט צו געזונט, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג און צו ברענגען ניו יארק-געוואקסענע עסנווארג און געטראנקען צו שוואכערע קאמיוניטיס און צו ניו יארק סטעיט סקולס. די '30 פראצענט NYS איניציאטיוו' (30 percent NYS Initiative), די סטעיט'ס פארם-צו-סקול פראגראמען און קינדער נערונג פראגראמען זענען קאנצעטרירט אויפן איינקויפן מער לאקאלע פראדוקטן פון ניו יארקע פארמערס און פארמערן געזונטע און נארהאפטיגע לאקאלע עסנווארג פאר ניו יארקע סקול מיטאג מאלצייטן.

די Nourish NY (ערנערט ניו יארק) איניציאטיוו האט איינגעקויפט דורך די סטעיט'ס נעטווארק פון עסן בענק און עמערדזשענסי עסנווארג פראָווײדערס כמעט 100 מיליאן דאלאר אין ווערט פון עסנווארג פון לאקאלע פארמער און זיי דעליווערט צו פאמיליעס אין נויט. ביז היינט זענען כמעט 50 מיליאן מאלצייטן דעליווערט געווארן. נאך א לעצטערע עררייכונג איז די איין מיליאן פונט עסנווארג וועלכע זענען בייגעשטייערט געווארן צו הונגעריגע ניו יארקער אלץ טייל פון די אנגייענדע איינפירונג פון די סטעיט'ס 'עסנווארגביישטייערונג און איבערגעבליבענע עסנווארג ריסייקלינג געזעץ' ( Food Donation and Food Scraps Recycling Law), וואס בויט אויף די סטעיט'ס באמיאונגען צו רעדוצירן מיסט און קלימאט-טוישנדע עמיסיעס וועלכע ווערן פאראורזאכט דורך מיסט-באגראבן, בשעת'ן צושטעלן עסנווארג פון א הויכע קוואליטעט פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער.

דער קאונסיל אויף הונגער און עסנווארג פאליסי (Council on Hunger and Food Policy) קומט זיך צוזאם צו גיבן פון זייער מבינות פאר סטעיט געזעצגעבער איבער וויאזוי צו אדרעסירן הונגער און פארמערן צוגענגליכקייט צו געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער. די ארבעט פון די קאונסיל איז געווען קריטיש-וויכטיג דורכאויס דאס איפשטעלונג פון דעם Nourish New York פראגראם, א דאנק דעם וואס עס קאנצעטרירט זיך אויפן פארשטערקערן באציאונגען און קאאפעראציע צווישן פראגראמען וועלכע אדרעסירן הונגער און די וועלכע פראדוצירן און טיילן אויס עסנווארג.

ביידע פראגראמען העלפן צושטעלן פרישע, געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג פאר שוואכערע קאמיוניטיס און סקול קינדער ארום די סטעיט און אינוועסטירן אין קליינע ניו יארק סטעיט ביזנעסער צו שטיצן א סטאבילע און בליהענדע לאקאלע עסנווארג סיסטעם. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען אויף די וועבזייטלעך פון די USDA'ס לאקאלע עסן איינקויפונג הילף קאאפעראטיווע אפמאך פראגראם און לאקאלע עסנווארג פאר סקולס קאאפעראטיווע אפמאך פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418